# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

דברים תשפ"א
גליון 51

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דֶער שַׁבָּת רוּפְט זִיךְ "שַׁבָּת חֲזוֹן" וַוייל דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי הַפְטוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין עֶטְלִיכֶע פְלֶעצֶער אַז דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרַיי וָואכְן זֶענֶען גָאר הוֹיכֶע שַׁבָּתִים, וַוייל שַׁבָּת וַוייזְט אוֹיךְ אוֹיפְן צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת, עֶר קֶען גֶעבְּן אַ תִּיקּוּן אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי וִוי חז"ל זָאגְן: "כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו - וֶוער עֶס הִיט דֶעם שַׁבָּת וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע זִינְד". אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס גְלַייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אוּן רוּפְט זִיךְ אוֹיף זַיין נָאמֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ תִּקְוָה, אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ אִין צַדִּיק אוּן זַיינֶע עֵצוֹת אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז גָאר טִיף אַרָאפְּגֶעפַאלְן וֶועט דֶער צַדִּיק אִים צוּם סוֹף פַארְרֶעכְטְן.

אוֹיף דֶעם קְלָאגְן מִיר אוּן מִיר וֵויינֶען אִין דִי טֶעג, בִּפְרָט אִין תִּשְׁעָה בְּאָב זִיצְן מִיר אַלֶע אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מ'לֵייגְט נִישְׁט קַיין טַלִּית וּתְפִילִין צוּ וַוייזְן אַז אָן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אָן דִי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת וֶועלְכֶע זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בעוה"ר הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת.

מִיט דִי בְּכִיָּה אַז מֶען וֵויינְט אוּן מֶען זוּכְט דֶעם צַדִּיק בַּאוַוייזְט עֶר זִיךְ. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּעטְלֶערְס אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד אוּן גֶעזוּכְט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, וֶוען עֶס אִיז זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען נָאכְן בֶּעטְלֶער



וָואס הָאט זֵיי שׁוֹין אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט אִין וַואלְד צוּ עֶסְן, גְלַייךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט, אָט אִיז עֶר דָא! עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אַ בֶּעטְלֶער. אַז מִיר וֶועלְן בֶּענְקֶען אוּן טוּן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אוּנְז אוּן אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן.

רֶבִּי נָתָן אִין הִלְכוֹת עֶרֶב שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען קְלָאגְט אִין דִי טֶעג אִיז, אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן רָצוֹן בִּשְׁלֵימוּת. רָצוֹן מֵיינְט, וֶועלְן טוּן נָאר וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער'ס ווִיל! אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַזַא לִיכְט פוּן רָצוֹן, דָארְט הָאט גֶעשַׁיינְט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז יֶעדֶער אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט נָאר גֶעוָואלְט אֵיין זַאךְ, טוּן דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

הַיינְט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶער רָצוֹן בִּשְׁלֵימוּת דַארְף מֶען וֵויינֶען אוּן בֶּענְקֶען, דֶער עִיקָר אִיז וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס הָאבְּן גּוֹרֵם גֶעוֶוען חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל חז"ל זָאגְן: כָּל מִי שֶׁלֹּא נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו - אוֹיבּ דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעבּוֹיט אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג, וֶוערְט עֶס פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג.

מִיר וֵויינֶען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן וֵויינְט אוּן בֶּענְקְט צוּ זֶען זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם גָאר אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט דָאס הַיינְט גּוֹרֵם זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוֹיף אוּנְז זַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶר וֶועט אוּנְז בְּקָרוֹב צוּרִיק בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַזוֹי חז"ל זָאגְן: כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם - וֶוער עֶס טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ - וֶועט זוֹכֶה זַיין אִיר צוּ זֶען אִין אִיר פְרֵייד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בְּקָרוֹב זָאל אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן דִי טֶעג אוֹיף יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת, מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם גָלוּת מִתּוֹךְ רַחֲמִים וַחֲסָדִים.

**איר קענט נאך נעמען א חלק אין די הוצאות פונעם גליון רופט:**
**(518)-323-0376 ID 1657**
**אין ארץ ישראל 8# 02-53333-72**

# דעם רבי'נס ליכט

הרה"ח ר' שמואל שפירא זצ"ל

אוֹיפְן עֶרְד, נֶעבְּן דִי מְזוּזָה,
אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, זִיצְט עֶר לַאנְגֶע שָׁעוֹת
עֶר וֵויינְט אוּן בֶּענְקְט, וִויפִיל תְּפִלּוֹת הָאט עֶר
שׁוֹין גֶעמַאכְט, אַן אַ שִׁיעוּר דִּיבּוּרִים צוּ ה'
יִתְבָּרַךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעהָאפְט, בְּשַׁעֲרֵי צִיּוֹן...
נָעוּף כְּיוֹנִים.... הָאט עֶר גֶעזוּנְגֶען דִי הֵיילִיגֶע
וֶוערְטֶער פוּן תִּיקּוּן חֲצוֹת, מִיט אַ בֶּענְקֶעדִיגֶע
נִיגּוּן, צִיּוֹן... צִיּוֹן.... אִיךְ וִויל זַיין בַּיים הֵיילִיגְן
רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן, כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן.

דֶער הַארְצִיגֶער אִיד וָואס אִיז גֶעזֶעצְן אַזוֹי, אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶער וִוי ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַצַ"ל, פוּן דִי טַייֶערֶע לוֹיטֶערֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז יָארְן אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען חֲצוֹת אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּם צַדִּיק, דֶער "הַר צִיּוֹן אֲשֶׁר שָׁמֵם" דֶער בַּארְג צִיּוֹן וָואס אִיז חָרוּב אוּן פּוּסְט. דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן, אוּן דִי לִיכְטִיגְקַייט אִיז פַארְשְׁטֶעלְט - אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אֵיין זַאךְ, מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן וָואס אִיז וַוייט אוּן לֵיידִיג, דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעשְׁפַּארְט אוּן מֶען קֶען דָארְט נִישְׁט קוּמֶען, דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן צַדִּיק וָואס אִיז אַזוֹי נֶעְלָם, אַזוֹי בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְשְׁטֶעלְט.



אַכְט אִין דְרֵייסִיג יָאר! הָאט ר' שְׁמוּאֵל גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן, פְּרָאבִּירְט אַלֶע סָארְט הִשְׁתַּדְּלוּת וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי הָאפֶענוּנְג, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוֹן צְוֵויי מָאל! אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן יָאר צוּ זָאגְן דָארְט תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אֵיינְמָאל צוּ קוּמֶען צוּם קִבּוּץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת, אִיז עֶר גֶעפָארְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם קַיין רָמַת גַּן, צוּם רוּסִישְׁן קָאנְסוּל, צוּ פְּרָאבִּירְן בַּאקוּמֶען אַ וִויזֶע פַאר דִי נְסִיעָה אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. פַאר ר' שְׁמוּאֵל וֶועלְכֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּגֶעהִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן, פוּן אַ אִיבְּרִיגֶע בְּלִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין קְלֵיין זַאךְ, צוּ פָארְן בִּיז רָמַת גַּן וָואס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אַ פְרַייעֶ שְׁטָאט, אוֹיךְ אִיז דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַ סַכָּנָה צוּ פָארְן אוֹיף זֵיי, עֶס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט בַּאנְדֶעס פוּן רוֹצְחִים, שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע וֶועגְן אִין גֶעגְנְט פוּן אוּמַאן, אוּן דִי שְׁרֶעק צוּ פָארְן אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶּער ר' שְׁמוּאֵל הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן פְּרָאבִּירְט צוּ טוּן וָואס עֶר קֶען כְּדֵי צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס פַארְלַאנְג, "אִישׁ בַּל יֵעָדֵר"!!! קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן...

דֶער רוּסִישֶׁער קָאנְסוּל הָאט נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין וִויזֶע, דָאס אִיז נָאר גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן דִי נִסְיוֹנוֹת וָואס ר' שְׁמוּאֵל אִיז אַרִיבֶּער וֶוען נָאךְ אַ נַייעֶ פְּלַאן אִיז אוּנְטֶערְגֶעגַאנְגֶען, אֵיין מָאל אוּן נָאךְ אַ מָאל. אִין יָאר תשי"ט הָאבן זִיךְ גֶעגְרֵייט אַ מִנְיָן פוּן אנ"ש אוּן ר' שְׁמוּאֵל צְווִישְׁן זֵיי, צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, ר' שְׁמוּאֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּן אַלֶע עִנְיְנֵי חוֹל, אוּן הָאט זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין בִּילְדֶער, הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַנְטְקֶעגְן דִי קַאמֶערֶע אוּן גֶעמַאכְט אַ בִּילְד פַארְן פַּאסְפָּארְט, מְ'קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין פוּן דֶעם וִוי טַייעֶר אוּן חָשׁוּב אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים דִי הֵיילִיגֶע נְסִיעָה, אָבֶּער דִי נְסִיעָה אִיז אוֹיךְ צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן צוּם סוֹף. וֶוען ר' שְׁמוּאֵל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ בִּיטֶערְן גֶעוֵוין, וִויפִיל הָאט עֶר גֶעוַוארְט אוּן גֶעבֶּענְקְט, אוּן זַיין הֵיילִיגֶער וִוילְן אִיז נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען לַפּוֹעַל, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי הָאפֶענוּנְג.

ר' שְׁמוּאֵל אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין גְרוֹיסֶער דַּבְּרָן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט קַיין סַאךְ, זַיין עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען בְּהֶצְנֵעַ לֶכֶת מִיט ה' יִתְבָּרַךְ אַלֵיין, אָבֶּער וֶוען פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען שׁוֹין דֶעמָאלְס גֶעהֶערְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע רְצוֹנוֹת, אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן וֶוען מֶען הָאט גֶעזוּנְגֶען "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה" הָאט ר' שְׁמוּאֵל זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם וָוארְט אוֹרָה אַסַאךְ מָאל, וֶוען עֶר שְׁרֵייט, אוֹרָ"ה ר"ת **א**וּמַאן **וְר**ֹאשׁ **הַ**שָּׁנָה, אַז דִי עִיקָּר אוֹרָה, דִי לִיכְטִיגְקַייט אִיז צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה... אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן פּוּרִים אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס, אִין

# א גרויסן דאנק!

**פאר אלע וואס האבן זיך משתתף געווען אין דעם קאמפיין פאר**

**"דעם רבינס ליכט"**

**אין אייער זכות וועלן מיר בעז"ה ווייטער קענען ממשיך זיין און פאלגן דעם רבינ'ס בקשה:**

**"איר זאלט אנטערנקען ביימער"**

**"אייערע קינדער זאלט איר פארציילן וואס דא האט זיך געטון."**

זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי יֶעדֶע בָּאס אָדֶער אוֹטָא וָואס אִיז גֶעפָארְן זָאל אִים בִּיטֶע פִירְן קַיין אוּמַאן,... אוּן עֶר אִיז גְרֵייט צוּ צָאלְן יֶעדֶע פְּרַייז וָואס מֶען וֶועט פַארְלַאנְגֶען...

יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת, דִי תְּפִלָּה ע"ו פוּן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק א' וָואס ר' נָתָן בֶּעט, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט דִי גַאנְצֶע תְּפִלָּה בַּעַל פֶּה. אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי פִּנְקָסִים וָואס ר' שְׁמוּאֵל הָאט גֶעשְׁרִיבְן, 'זֶעקְס אִין צְוָואנְצִיג רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן דִי נָאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט אוּמַאן', אַזוֹי אַז מֶען קֶען זָאגְן אַז וִוי ר' שְׁמוּאֵל הָאט נָאר גֶעקוּקְט, הָאט עֶר נָאר גֶעזֶעהְן דָאס וָוארְט אוּמַאן, דֶער פְּלַאץ פוּנֶעם הֵיילִיגְן צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים, מִיר וֶועלְן דָא אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען עֶטְלִיכֶע פוּן זֵיי:

**אֶת מִי** נוֹעַץ **וַ**יְבִינֵהוּ (יְשַׁעְיָה מ' י"ד הַפְטוֹרָה נַחֲמוּ)

**נֵר מִ**צְוָה **וְ**תוֹרָה **אוֹ**ר (מִשְׁלֵי ו' כ"ג)

**וְ**הִצַּלְתֶּם **אֶת נַ**פְשׁוֹתֵינוּ **מִ**מָּוֶת (יהושע ב' י"ג )

**מְ**צָאתִיו **אָ**קוּמָה **נָּא וַ**אֲסוֹבְבָה בְּעִיר (שיר השירים)

**וְ**לֹא **נִ**פְקַד **מִ**מֶּנּוּ **אִ**ישׁ (במדבר ל"א מ"ט)

**מֶ**לֶךְ **נֶ**אֱמָן **וְ**רַחְמָן **אָ**תָּה (ברכת הפטרה)

וֶוער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן, דָאס גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן ר' שְׁמוּאֵל בַּיי זַיין לֶעצְטֶע נְסִיעָה קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי לֶעצְטֶע יָאר פוּן זַיין לֶעבְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְס אַזוֹי אַלְט אוּן קְרַאנְק, כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט זִיךְ בַּאוֶועגְן אַלֵיין, עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיף אַ רֶעדֶער-שְׁטוּל אוּן מֶען הָאט אִים גֶעדַארְפְט פִירְן. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִין שְׁטוּב, וִויאַזוֹי נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַזַא זַאךְ זִיךְ אַזוֹי צוּ וַואלְגֶערְן אוֹיף דִי וֶועגְן אִין אַזַא עֶלְטֶער אִין אַזַא מַצָּב? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ פַּשְׁטוּת: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ גַאנְצְן לֶעבְן גֶעבֶּענְקְט אוֹיף דֶעם, אוּן אִיצְטֶער אַז מֶען שְׁלֶעפְּט מִיר, זָאל אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מִיט שְׁלֶעפְּן?!"....

ר' שְׁמוּאֵל הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זַיין לֶעצְטֶע יָאר אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פַאר זַיין פְּטִירָה, צוּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַלֶע יָארְן, "לִנְסֹעַ לַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה – צוּ פָארְן צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה"

דִי שִׂמְחָה פוּן ר' שְׁמוּאֵל מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט צוּ שִׁילְדֶערְן, אִינְמִיטְן דִי טֶענְץ פוּן דִי צְוֵויי הוּנְדֶערְט זֶעכְצִיג חֲסִידִים וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה יֶענֶער יָאר, הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן זַיין קְרַאנְקְן בֶּענְקְל, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס, נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף דִי פִּיס, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעטַאנְצְט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶעמֶען פוּפְצְן מִינוּט, מִיט אַזַא מוֹרָאדִיגֶע שִׂמְחָה, אַ שִׂמְחָה פוּן אַ אִיד וָואס ה' יִתְבָּרַךְ הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּפִלָּה, נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן.

**מִי שֶׁזָּכָה לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה,**
**רָאוּי לוֹ לִשְׂמוֹחַ כָּל הַשָּׁנָה.**

# לגאומיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די פערטע מעשה
## מלך שגזר שמד



איך הער זיך צו צו די
מעשיות פון רבי'נס קינדער יארן און
נאך שיעורים, אויף קנעפל 221 פון
הויפט ארייגאנג.

**א.** **וואס האט דער מלך גוזר געווען אויף דער מדינה?**
- ❑ צו פארטרייבן אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ צו הרג'ענען אלע אידן פון דער מדינה
- ❑ אז ווער עס וויל בלייבן אין דער מדינה מוז זיך שמד'ן

**ב.** **וואס האבן די אידן געטון?**
- ❑ א טייל האבן מפקיר געווען זייער גאנצער פארמעגן, און זענען ארויס פון דארטן
- ❑ א טייל זענען געבליבן און זיך געפירט ווי אידן באהאלטענערהייט
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג.** **ווער האט אויסגעזאגט פאר דעם מלך אז מען וויל אים הרג'ענען?**
- ❑ א גוי, איינער פון די שרים
- ❑ א איד איינער פון די אנוסים
- ❑ א איד א שר איינער פון די אנוסים

**ד.** **וועלכע כבוד האט מען געגעבן פאר דער וואס האט אויסגעזאגט?**
- ❑ מען האט אים געמאכט פאר א שר
- ❑ מען האט אים געגעבן געלט
- ❑ אז ער זאל מעגן לייגן טלית און תפילין בפרהסיא

**ה.** **די שטערן זעערס האבן געזאגט פאר'ן מלך זיך צו אפהיטן פון?**
- ❑ פירן די מלכות שארף
- ❑ פון א קו און א אקס
- ❑ פון א אקס און א לעמעלע

**ו.** **שאלה זכות: דער מלך איז געפאלן אויף א חכמה אז?**
- ❑ אז עס זאל זיך נישט געפונען אין זיין מדינה קיין אקס און קיין שאף
- ❑ ער זאל קענען אפנעמען די וועלט אן קיין מלחמה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** **וואס האט דער מלך געהאט פון דעם וואס ער האט געמאכט די מענטש פון אייזן?**
- ❑ ער האט איינגענומען די וועלט
- ❑ ער האט איינגעזאמלט אסאך געלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח.** **וואס האט דער מלך געטון ?**
- ❑ משפיל געווען אלע שרים
- ❑ געמאכט פשוטע מענטשן פאר שרים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט.** **וואס האט דער מלך געטון צו דעם איד וואס האט געמעגט זיין א איד בפרהסיא?**
- ❑ ער האט אים געמאכט פאר זייער א גרויסע שר
- ❑ ער האט אים איינגעשפארט אין תפיסה
- ❑ ער האט אים מער נישט געלאזט זיין א איד בפרהסיא

**י.** **וואס האט דער מלך געזען אין חלום?**
- ❑ אז א אקס און א קו לאכן פון אים
- ❑ אז זיינע שרים לאכן פון אים
- ❑ אז א אקס און א לעמעלע פון די מזלות לאכן אים אויס

**יא.** **מיט וועמען איז דער מלך אהין געגאנגען?**
- ❑ אליין
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער
- ❑ מיט זיין ווייב און קינדער און אויך דער חכם

**יב.** **אויף וואס איז ממונה דער מלאך וואס שטייט אינמיטן וועג?**
- ❑ אויף כעס
- ❑ אויף גאוה
- ❑ אויף שקר

**יג.** **וועלכער וועג האט זיי דער מלאך געהייסן גיין ?**
- ❑ אין דער וועג פון ליים
- ❑ אין דער וועג וואס איז פול מיט גרובער
- ❑ אין דער וועג פון דעם פייער

**יד.** **וועמען האבן זיי דארטן געזען גיין?**
- ❑ מלכים און אידן אנגעטון טלית און תפילין
- ❑ מלכים און שרים
- ❑ מלכים מיט אידן אנוסים

**טו.** **ווער איז ווייטער געגאנגען אין דעם וועג?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**טז.** **ווער איז פארברענט געווארן?**
- ❑ דער מלך מיט דער חכם
- ❑ נאר דער מלך
- ❑ דער מלך מיט זיינע קינדער

**יז.** **וואס האט באמת געמיינט די אקס און לעמעלע?**
- ❑ ער זאל הרג'ענען אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ ער זאל פארטרייבן אלע אקסן און לעמעלעך
- ❑ אז ווייל ער לאזט נישט אנטון טלית און תפלין וואס מ מאכט פון א אקס און א לעמעלע וועט ער פארשניטן ווערן

**יח.** **אין וועלכער קאפיטל איז מרומז די מעשה?**
- ❑ קאפיטל ב' פון תהלים
- ❑ קאפיטל ג' פון ישעי'
- ❑ קאפיטל נ' פון תהלים

**מיין כבוד איז, אז איך זאל מעגן זיין א איד בפרהסיא - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן די
בחינות און אריינגיין
אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
1-518-329-9149

צו הערן די געווינער
דרוק נומער 4

**איר קענט זיך נאך משתתף זיין מיט'ן קאמפיין, איר קענט געבן א תרומה דורך נדרים פלוס ביי "דעם רבינ'ס ווינקל"**




1 בחינות- פארהער
2 שיעורים, ניגונים, נמשל/שבת ש"ק פרשה
3 ווידאו דער טעל-ליין ארבעט
4 גורלות
5 פארציילט א מעשה'לע
6
7 לאזן א הודעה
8 תרומות - דאנעישאנ'ס
9

קנעפל 2
1 סיפורי מעשיות
2 אנדערע מעשיות

2 **אנדערע מעשיות**
1 דעם רבי'נס קינדער יארן
2 קליינע מעשית ומשלים
3 מעשיות לויט מועדי השנה